# אינדוסטריע בעסטע פּראַקטיקן פאַר
# שטויב קאָנטראָל אין באַזעצטע בנינים מיט אַקטיווע קאָנסטרוקציע

NYC Buildings | NYC Health

## פיזיש איזאָלירן באַזעצטע שטחים פון ארבעט שטחים

ארבעט אין באַזעצטע בנינים דארף פיזיש איזאָלירט ווערן פון די באַזעצטע שטחים דורך צייטווייליקע פיזישע באַריערן. די דאָזיקע באַריערן דארפן געמאַכט ווערן פון פּלייווּד און פּאָליעטילען פּלאַסטיק אריינגעבויט אָדער איבער דורכגאַנג צווישן דעם קאָנסטרוקציע שטח און די באַזעצטע ערטער. קאָנסטרוקציע באַריערן דארפן זיין פארזיגלט מיט פּאָליעטילען פּלאַסטיק און דאַקט טייפּ אויף דער קאָנסטרוקציע זייט און אויך די באַזעצטע זייט צו געבן א טאָפּלטע באַריערע.

**אלע ערטער ווּ פּאָלוטאַנטס גייען אדורך צווישן קאָנסטרוקציע און באַזעצטע שטח דארפן אונטערזוכט און געזיגלט ווערן. די דאָזיקע שטחים שליסן איין אָבער זענען ניט באַגרענעצט צו:**



- קריך־שטחים
- עלעקטרישע קאָנטאַקטן און ליכט אויסשליסער אין בשותפותדיקע ווענט
- רערן און עלעקטרישע קאָנדוּיִטן צווישן ווענט
- ווענטילאַציע סיסטעם דאַקטוואָרק
- לעכער אין אינערע ווענט, און/אָדער שטחים איבער אינערע ווענט, און סטעליע/פּאָדלאָגע דעקינג (למשל שטחים איבער סטעליע דעכלקע סיסטעמען).

**דרויסנדיקע קאָנסטרוקציע־גענערירטע פּאָלוטאַנטס קענען איינוואַנדערן אינעווייניק אונטער פארשיידענע אומשטענדע. די פילגנדיקע זענען רעקאָמענדאַציעס צו רעדוצירן איינוואַנדערונג פון דרויסנדיקע פּאָלוטאַנטס אין די אינעווייניקע סבֿיבֿה:**





- פארזיגלען ארום דרויסנדיקע טירן מיט וועטער סטריפּינג און קאָנטור־פּאַסן צו פארמיידן די אינפילטראַציע פון דרויסנדיקע קאָנסטרוקציע־גענערירטע פּאָלוטאַנטס.
- באַדעקן אַבי וועלכע שמוץ/מיסט קופּקעס וואָס זענען נאָענט צו בנינים מיט טאַרפּס אָדער נאַסן שמוץ/מיסט כּדי צו מינדערן עראָסאָליזאַציע פון פּארטיקולעטס.
- דער בעל־הבית אָדער קאָנטראַקטאָר דארף פארזיגלען די פענצטער בשעת אַקטיווע קאָנסטרוקציע ארבעט וואָס קען מעגליך העכערן די צאָל פון פּארטיקולעטס אין דער לופט.
- אָפּט אויסבייטן HVAC (הייצונג, ווענטילאַציע און לופטקילונג) פילטערס אין שטחים וואָס זענען באַווירקט דורכן רענאָווירן. אפשר דארף מען איינשטעלן בעסערע פילטערס.
- שטעלט אָפּ צייטווייליק די HVAC סיסטעמען בשעת קאָנסטרוקציע וואָס גענערירט א סך דרויסנדיקע פּאָלוטאַנטס. אויב די אַקטיוויטעט איז לענגער ווי איין טאָג, אלטערנאַטיווע ווענטילאַציע דארף צוגעשטעלט ווערן פאַר די באַווירקטע שטחים. אויב דאָס איז ניט מעגליך, מען דארף טראַכטן וועגן איבערפירן די אַקטיוויטעטן אין די דאָזיקע שטחים אנדערשווּ.

*זייט וויסן אז די אינפאָרמאַציע אויבן איז א צונויפשטעל פון רעקאָמענדירטע אינדוסטריע בעסטע פּראַקטיקן.*